Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פרעץ

Mosḳṿe, 1937

43

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 43

אז דער סטעפּ ז׳אזוי ברייט, און די ערד — אזוי גאנץ,
האָבן הענט האָבן יונגע דאָ פלאנצן געפלאנצט.

האָבן פלאנצן געפלאנצט אין צעזונגענער לאסט,
און א טאָג און א צווייטער — אוןביימער א פאס!

שטייען ביימער א פאס, אין א ווירע געפאסט,
און א שניט אין דער מיט — איז געוואָרן א גאס!

איז געוואָרן א גאס, נעבן איר — איז שוין צוויי.
און פון יעטווידן ציגל — דאָ טוט אזוי וויי.

און סע טוט אזוי וויי, און סע איז אזא פרייד,
נאָר ס׳פארזעצט זיך דאָרט יעדער אפ גאסן א קווייט!

אפּ די גאַסן — אַ קוויט, אפּ די גאַסן — אַ גאַסט,
אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט, בענקט אַ גאַס נאָך אַ גאַס,

בענקט אַ גאַס נאָך אַ גאַס און אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק,
און אַ גאַס מיט אַ גאַס, און עס איז שוין אַ שטאָט!

און עס איז שוין אַ שטאָט, און עס וואַקסט אפּ די הענט —
ניט פאַרענדיקטער דאַך, ניט פאַרענדיקטע ווענט!

ניט פאַרענדיקטע ווענט — בלויז מיט הימל געדעקט,
און עס בויט און עס בלענדט און ס'צעבליט זיך דער ברעג.

איז ווו זײַנען די בויער? מע זעט זיי ניט אָן,
אַזוי הויך דאָרט זיי שטײַגן אין כמאַרעס בעטאָן!

אינדערפרי — אַ פּאָדמורעק, און פענצטער — צו נאַכט,
און אַ יעדער שטיק ערד אַזוי גרייט זיך און וואַרט.

אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט, און די ערד אַזוי גאַנץ,
האָבן הענט האָבן יונגע אַ שטאָט דאָ געפלאַנצט.

עס בלײַען די דעכער — זיי בלײַען, ווי מאָן.
און ווינטן פון דניעפּער — צוגאַסט קומען אָן.

דער הימל איז בלוי, און דער דניעפּער איז בלוי.
טרובאַ גייט אַהיים — און ס'איז פרי נאָך אַזוי.

עס ברייטערט פאַנאַנדער פאַר אים זיך דער ראַנד,
עס דאַכט זיך — ער האַלט דאָרט דעם טאָג פאַר דער האַנט.

אין ווײַט — א געהילכ, אינ האַרצ — א געקלאָפּ,
טרובאַ גייט אַהיים — פאַרהויבנ דעמ קאָפּ.

ער שפּאַנט פונ דער אַרבעט. ער גייט און ער קײַט,
ער אײַלט ניט און שלינגט אַזוי לאַנגזאַמ די ווײַט.

און ס'דאַכט: א געדאַנק דאָרט צעקײַעט ער שווער —
פון באַקציינ אַפּ באַקציינ — אַהינ און אַהער!

א היימ איז פאַראַנ, און דאָס ברויט איז אַלציינס,
דער קאָפּ איז פאַרהויבנ, און טריט — ניט געציילט.

און אָט־אָ דאָס ברויט, אַז מע גיט א צעשנײַד,
איז קאָנ ער שוינ קלעקנ אַפּ צוויי און אַפּ דרײַ!

אַז סטעפּ ז'אַזוי ברייט, און ערד אַזוי פריש,
איז וויפל פאַרנעמט עס אַנ אייגענער טיש?

אַז ס'שפּרייט זיך די נאַכט אַזוי בלוטיק־געטרײַ,
אַנ אייגענער טיש און אַנ אייגענער פרײַנט!

און דער הימל איז בלוי, און דער דניעפּער איז בלוי.
— נעכאַמע! ס'איז אויכ אינ די אויגנ אַזוי!..

א יעטווידער ביימל באגעגנט מיט גרוס,
און ס'טוט זיך א בענק און עס טוט זיך א גלוסט. —

און נאָכאמאָל נאָך. און צוויי און דריי.
ס'פארשמעקן די ווײַטן מיט מיידל און לײַב...

אז דער סטעפ ז'אזוי ברייט, און די ערד — אזוי גאנץ,
איז נעמ — און פארזעצ! איז נעמ — און פארפלאנצ!

איז גייט ער, טרובא, דורך דעמ דניעפּ און דורך בלענד,
דער טאָג איז אזוי ווי א קינד אפ די הענט.

איז שטעלט ער זיך אָפּ. פארטראכט. אליין.
און ס'גיט אימ א קיצל א צווײַג פון א בוימ.

איז לאָז זײַן א צווײַג. איז לאָז זײַן א בוימ:
דאָס איז עס, דאָס לאנד! דאָס איז זי, די היימ!

אָט איז זי, די היימ דערלאנגט זי אהער,
אָט איז זי פונסנײַ די דערפונדענע ערד!

מע שפּאנט פון דער ארבעט. מע גייט און מע קײַט.
מע אײַלט ניט. מע שלינגט אזוי לאנגזאמ די ווײַט.

און ס'דאכט: א געדאנק דאָרט צעקײַעט ער שווער —
פון באקציינ אפ באקציינ — אהינ און אהער.

אינ דר'הייכ איז די נאכט! אינ דר'הייכ איז א ראש,
ס'האָט עפּעס טרובא נאָכ געהאלטנ אינ טאש.

ער גיט זיכ א דריי, ער דערלאנגט זיכ א טאָר:
ס'איז ניט אזוי פראָסט עס דערלאנגענ פונ דאָרט.

ס'זאָל עמעצ אינ טאש מיט דער האנט אימ ארייַנ —
ס'איז יעדנ דערלויבט! ס'איז פאר יעדערנ — פרייַ!

ס'זאָל עמעצער נעמענ דאָס ברויט פונ זייַנ האנט, —
— ס'איז — זאָגט ער, — אלציינס, ס'איז דאָס ברויט פונעמ לאנד!

אונ אָט איז די נאכט, אונ ער איז אליינ,
אונ אָט איז די גאס, אונ א בוימ אפּ א בוימ...

אונ ס'גיט אפנ אָרט דאָרט טרובא זיכ א דריי,
אונ אָט איז ער שוינ בא נעכאמענ אינ דר'היימ.

נעכאמע! דייַנ היימ איז נאָכ אויכ אָנ א דאכ!
אונ ווּ איז דייַנ צודעק? אונ ווּ איז דייַנ נאכט?

איז נא דיר דאָס הארצ אונ — גיב א צעשנייַד,
ס'וועט קלעקנ פאר צוויי, אונ ס'וועט קלעקנ פאר דרייַ!